ייִדיש־

# היימיש

תשרי תשי״ז — סעפטעמבער 1956

## א ליטעראַרישע סענסאַציע

א בוך פון א יידישן שרייבער איז ארויס אויף ענגליש, אין ניו־יאָרק, אין א מאסן־אויפלאגע, אין א טאשן־אויסגאבע, „פּאָקעט־בוק". די ערשטע אויפלאגע איז אין 100 טויזנט עקזעמפלארן.

אויף ענגליש איז עס שוין דערשינען אין ניו־יאָרק פאַראיאָרן, אין א געוויינלעכער אויסגאבע, אין פארלאג פון „סיימאָן ענד שוסטער". נאָך דעם גרויסן דערפאָלג, איז דאָס בוך געוואָרן אָפּגעקויפט דורך דער גרויסער פירמע וואָס גיט ארויס אין טאשן־פאָרמאַט די בעסטע און גרעסטע ווערק, אָנהייבנדיק פון פלאטאָנס פיליזאָפיע (אָבער אויך נוצלעכע ביכער — ווי קאָכביכער, מעדיצין, היימישע אינזשיניעריי). די דאָזיקע ביכער ווערן פארשפרייט אין מיליאָנען עקזעמפלארן. איצט וועט צווישן דער דאָזיקער סעריע אויך זיין, צום ערשטן מאָל, א בוך פון א שרייבער אין יידיש און עברית, וועלכער וווינט אין תל אביב, דער מחבר פון „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" („בית הבובות").

מיר זענען דאָ נישט אויסן צו דערציילן סתם וועגן א ליטעראַרישער סענסאַציע, אפילו ווען דאָס איז א היימישער מענטש, אונזערס א שרייבער. דאָס בוך „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" דערציילט בסך הכל וועגן די געטאָ־מיידלעך, וועלכע זענען געצוואונגען געוואָרן צו „באדינען" די דייטשישע סאָלדאטן־מערדער — ווי פעלד־זונות... מ'האָט זיי אריינגענומען אין ספּעציעלע הייזער, ביי א ספּעציעלן רעזשים. נאָך עטלעכע חדשים „אָפּדינען" (אין בעסטן פאל) גייען די מיידלעך „אויף שמעלץ", אין גאזאויוון אריין.

עס איז א בוך, וואָס אלע די ווערטער ווי: אויסטערליש, גרויל, שוידער — זענען פשוטע מפּיל־קינדער לגבי דערווירקלעכקייט. דער גהינום איז א גן עדן קעגן יענע זנות־ווארשטאטן. עס איז גענוג בלויז איבערצולייענען דאָס דאָזיקע איינע בוך, אז מ'זאָל שוין ווערן פארטוישן אלע פאראַנענע מענטשלעכע ווערטער — אויף טויטע קללות די דייטשן.

און איצט דארף געזאָגט ווערן א זאך, וואָס טאָר אפשר נישט געזאָגט ווערן, וואָס איז אפשר אומפארשטענדלעך, און אויך אויסטערליש:

דאָס בוך איז אָנגעשריבן מייסטעריש!

מעג מען דאָס זאָגן? מעג מען באנוצן אזא וואָרט ווי מייסטעריש ווען מ'שילדערט הונדערט גהינמ'ס? תיקו.

אָבער א פאקט. סיוּוּי — עס איז פון גרויסער נאציאָנאלער וויכטיקייט — אז אזא בוך זאָל דערשיינען אויך אין אנדערע שפּראכן. איז עס טאקע דערשינען שוין אין 10 שפּראכן, איינע פון זיי איז — יאפּאניש. אין לאָנדאָן איז עס דערשינען ערשט מיט 6 וואָכן צוריק און איז שוין ארויס אין 6 אויפלאַגעס. ווער האָט געשריבן די הקדמה צום דאָזיקן בוך? דער הויפּט־ריכטער אין נירנבערגער פּראָצעס, דער שוין באוווּסטער לאָרד ראסל.

לאָמיר ברענגען עטלעכע קורצע ציטאטן פון די הונדערטער אָפּרופן און רעצענזיעס אין דער וועלט־פּרעסע:

„ניו־יאָרק טיימס": „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז געשריבן מיט פייער פון נצחיות".

סטיפען לאָנגסטריט: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז דאָס שטארקסטע בוך פון אלע ביכער וואָס זענען דערשינען אינעם לעצטן יאָר, אין פאָרלעצטן יאָר, און פאר־פאָרלעצטן יאָר".

„נעישן" האָט אויסגעקליבן דאָס דאָזיקע בוך אלס דאָס באדייטיקסטע בוך פון יאָר 1955.

גרשון שאָפּמאַן האָט געשריבן וועגן „בית הבובות": „נישטאָ נאָך אזא בוך צו זעלבסט־רייניקונג און טהרה — — דאָס איז א הייליק בוך".

מ'קאָן נאָך צוגעבן אסך סופּערלאטיוון און זיי וועלן נישט אויסשעפּן די כאראקטעריסטיק און באדייט פון דעם דאָזיקן מוראדיק־גרויסן ווערק.

האָב איך געוואָלט, ווי געוויינלעך, האָבן א שמועס מיט דעם דאָזיקן שרייבער, פארן „היימיש".

אין בוך איז דער נאָמען פון מחבר: ק. צעטניק, נומ. 135633". (דעם נומער האָט ער אויף דער האנט). דאָס איז זיין נאָמען, דער נומער פון דעם אנאנימען קאצעטניק. קיין אנדערן נאמען וויל ער גאָרנישט האָבן. אוודאי האָב איך געוווּסט אז זיין פּריוואטער נאָמען איז אן אנדערער. און אוודאי האָב איך געוווּסט, אז אויך דער דאָזיקער נאָמען איז נישט דער ריכטיקער, אז ער האָט איידער דעם קאצעט, פאר דער מלחמה, אין פּוילן — געהאט גאָר אן אנדערן נאָמען. ער מאסקירט אזוי זיינע נעמען, וויל פארבלייבן אנאָנים — צוליב פארשטענדלעכע טעמים: ער באשרייבט גאָר־גאָר נאָענטע מענטשן — פרויען וועלכע זענען דורכגעגאנגען אָט יענע „פּענסיאָנען" און איינציקע פון זיי זענען צופעליק געבליבן לעבן — דארף מען ניט וויסן ווער־וואָס־ווען...

אוודאי קען איך אים פערזענלעך. די כאראקטעריסטיק?: ער איז סופּער־איידל, זייד, שטיל — אוודאי געווען אמאָל א ישיבה־בחור, פון א יחוסדיק־איידעלער היים. און געהאט וועלטלעכע בילדונג, אפשר גאָר געווען א לערער, מסתמא געשריבן העברעאישע שירים (וועגן יידישע — ווייס איך, זענען אפילו געווען געדרוקט).

אוודאי דארף מען דאנקען דעם גורל וואָס אזא איינער איז געבליבן לעבן. זיין בוך איז נישט ווינציקער וויכטיקער און ווערטיקער ווי א גאנצער נירנבערגער פּראָצעס — מיט אלע זיינע דאָקומענטן, עדות, פּראָטאָקאָלן און ריכטער. „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" דארף ווערן דער פּאראָל, דאָס שרעקוואָרט פאר די דייטשישע מערער.

(זיין ערשט בוך וועגן די לאגערן, דערשינען מיט 8 יאָר צוריק, האָט געהייסן „סאלאמאנדרע"). האָבן מיר אזוי געשמועסט גייענדיק איבער די תל אביבער גאסן. מיר האָבן, פארשטייט זיך, אפילו געשמועסט וועגן ריין־ליטעראַרישע, היימישע ענינים. אפילו וועגן דאָזיקן פאל:

א יונגער שרייבער, וועלכער האָט נאָרוואָס ארויסגעגעבן א מעסיק ביכל מיט דערציילונגען — מאכט מען אים שוין אוונטן, רעדט מען דורכן ראדיאָ, שרייבט מען רעצענזיעס אין דער פּרעסע — נאָר וועגן קאצעטניקס נישט־לאנג־צוריק דערשינען בוך אויף יידיש — „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" — איז שאַ־שאַ־שאַ־שטיל אין דער יידיש־פּרעסע, אין ראַדיאָ, אין ליטעראַטן־פאריין. אויף דער וועלט איז עס א סענסאַציע, ביי אונז האָבן באדארפט פאָרקומען אָוונטן און אָוונטן געווידמעט דעם דאָזיקן מעכטיקן, מוראדיקן ווערק — טאָ פארוואָס איז אזוי שטיל, הא,

מ. ג.

---

* אורי צבי גרינבערג, וועלכער האָט שוין זינט 30 יאָר נישט פארעפנטלעכט זיינס א שאפונג אין יידיש, האָט פארעפנטלעכט אין „היינטיקע נייעס" פון ערב ראש השנה זיינס א פּאָעמע אין יידיש א. נ. „ביי די טויערן פון כרערן און געדענקשאפט". עס זענען 8 קאַפּיטלען וועלכע פארנעמען א גאנצע זייט. עס האָט ארויסגערופן אויפמערקשאפט צווישן די שרייבער און לייענער.

יידיש־
# היימיש
תשרי תשי״ז — סעפטעמבער 1956

## א ליטערארישע סענסאציע

א בוך פון א יידישן שרייבער איז ארויס אויף ענגליש, אין ניו־יאָרק, אין א מאסן־אויפלאגע, אין א טאשן־אויסגאבע, „פּאָקעט־בוק״. די ערשטע אויפלאגע איז אין 100 טויזנט עקזעמפלארן.

אויף ענגליש איז עס שוין דערשינען אין ניו־יאָרק פאַראיאָרן, אין א געוויינלעכער אויסגאבע, אין פארלאג פון „סיימאָן ענד שוסטער״. נאָך דעם גרויסן דערפאָלג, איז דאָס בוך געוואָרן אָפּגעקויפט דורך דער גרויסער פירמע וואָס גיט ארויס אין טאשן־פאָרמאט די בעסטע און גרעסטע ווערק, אָנהייבנדיק פון פלאטאָנס פיליזאָפיע (אָבער אויך נוצלעכע ביכער — ווי קאָכביכער, מעדיצין, היימישע אינזשיניעריי). די דאָזיקע ביכער ווערן פארשפרייט אין מיליאָנען עקזעמפלארן. איצט וועט צווישן דער דאָזיקער סעריע אויך זיין, צום ערשטן מאָל, א בוך פון א שרייבער אין יידיש און עברית, וועלכער וווינט אין תל אביב, דער מחבר פון „דאָס הויז פון די ליאלקעס״ („בית הבובות״).

מיר זענען דאָ נישט אויסן צו דערציילן סתם וועגן א ליטערארישער סענסאציע, אפילו ווען דאָס איז א היימישער מענטש, אונזערס א שרייבער. דאָס בוך „דאָס הויז פון די ליאלקעס״ דערציילט בסך הכל וועגן די געטאָ־מיידלעך, וועלכע זענען געצוווּנגען געוואָרן צו „באדינען״ די דייטשישע סאָלדאטן־מערדער — ווי פעלד־זונות... מ׳האָט זיי אריינגענומען אין ספעציעלע הייזער, ביי א ספעציעלן רעזשים. נאָך עטלעכע חדשים „אָפּדינען״ (אין בעסטן פאל) גייען די מיידלעך „אויף שמעלץ״, אין גאזאויוון אריין.

עס איז א בוך, וואָס אלע די ווערטער ווי :אויסטערליש, גרויל, ...

אויך נוצלעכע בי-
כער — ווי קאָכביכער, מעדיצין, היימישע אינזשיניעריי). די
דאָזיקע ביכער ווערן פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן.
איצט ווערט צווישן דער דאָזיקער סעריע אויך זיין, צום ערשטן
מאָל, א בוך פון א שרייבער אין יידיש און עברית, וועלכער
וווינט אין תל אביב, דער מחבר פון „דאָס הויז פון די ליאַל-
קעס" („בית הבובות").

מיר זענען דאָ נישט אויסן צו דערציילן סתם וועגן א לי-
טעראַרישער סענסאַציע, אפילו ווען דאָס איז א היימישער
מענטש, אונזערס א שרייבער. דאָס בוך „דאָס הויז פון די
ליאַלקעס" דערציילט בסך הכל וועגן די געטאָ-מיידלעך, וועל-
כע זענען געצוואונגען געוואָרן צו „באַדינען" די דייטשישע
סאָלדאַטן-מערדער — ווי פעלד-זונות... מ'האָט זיי אריינגענו-
מען אין ספּעציעלע הייזער, ביי א ספּעציעלן רעזשים. נאָך
עטלעכע חדשים „אָפּדינען" (אין בעסטן פאַל) גייען די מייד-
לעך „אויף שמעלץ", אין גאַזאויוון אריין.

עס איז א בוך, וואָס אלע די ווערטער ווי: אויסטערליש,
גרויל, שוידער — זענען פשוטע מפיל-קינדער לגבי דער
ווירקלעכקייט. דער גהינום איז א גן עדן קעגן יענע זנות-
ווארשטאַטן. עס איז גענוג בלויז איבערצולייענען דאָס דאָ-
זיקע איינע בוך, אז מ'זאָל שוין ווען פאַרטוישן אלע פאַראַ-
נענע מענטשלעכע ווערטער — אויף טויטע קללות די דייטשן.
און איצט דאַרף געזאָגט ווערן א זאַך, וואָס טאָר אפשר
נישט געזאָגט ווערן, וואָס איז אפשר אומפאַרשטענדלעך, און
אויך אויסטערליש:

דאָס בוך איז אָנגעשריבן מייסטעריש!

מעג מען דאָס זאָגן? מעג מען באַנוצן אזא וואָרט ווי
מייסטעריש ווען מ'שילדערט הונדערט גהינום'ס? תיקו.

אָבער א פאַקט. סייווי — עס איז פון גרויסער נאַציאָנאַלער
וויכטיקייט — אז אזא בוך זאָל דערשיינען אויך אין אנדערע
שפּראַכן. איז עס טאַקע דערשינען שוין אין 10 שפּראַכן,
איינע פון זיי איז — יאַפּאַניש. אין לאָנדאָן איז עס דערשינען
ערשט מיט 6 וואָכן צוריק און איז שוין ארויס אין 6 אויפלאַ-
געס. ווער האָט געשריבן די הקדמה צום דאָזיקן בוך? דער
הויפּט-ריכטער אין נירנבערגער פּראָצעס, דער שוין באַוווס-
טער לאָרד ראַסל.

לאָמיר ברענגען עטלעכע קורצע ציטאַטן פון די הונדער־טער אָפּרופן און רעצענזיעס אין דער וועלט־פּרעסע:

„ניו־יאָרק טיימס": „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז געשריבן מיט פייער פון נצחיות".

סטיפען לאַנגסטריט: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז דאָס שטאַרקסטע בוך פון אַלע ביכער וואָס זענען דערשינען אינעם לעצטן יאָר, אין פאַרלעצטן יאָר, און פאַר־פאַרלעצטן יאָר".

„נעישן" האָט אויסגעקליבן דאָס דאַזיקע בוך אַלס דאָס באַדייטיקסטע בוך פון יאָר 1955.

גרשון שאַפּמאַן האָט געשריבן וועגן „בית הבובות": „נישטאָ נאָך אַזאַ בוך צו זעלבסט־רייניקונג און טהרה — — דאָס איז א הייליק בוך".

מ'קאָן נאָך צוגעבן אַסך סופּערלאַטיוון און זיי וועלן נישט אויסשעפּן די כאַראַקטעריסטיק און באַדייט פון דעם דאַזיקן מוראַדיק־גרויסן ווערק.

האָב איך געוואָלט, ווי געוויינלעך, האָבן א שמועס מיט דעם דאַזיקן שרייבער, פאַרן „היימיש".

אין בוך איז דער נאָמען פון מחבר: ק. צעטניק, נומ. 135633". (דעם נומער האָט ער אויף דער האַנט). דאָס איז זיין נאָמען, דער נומער פון דעם אַנאָנימען קאַצעטניק. קיין אַנדערן נאָמען וויל ער גאָרנישט האָבן. אוודאי האָב איך געוווּסט אַז זיין פּריוואַטער נאָמען איז אַן אַנדערער. און אוודאי האָב איך געוווּסט, אַז אויך דער דאַזיקער נאָמען איז נישט דער ריכטיקער, אַז ער האָט איידער דעם קאַצעט, פאַר דער מלחמה, אין פּוילן — געהאַט גאָר אַן אַנדערן נאָמען. ער מאַסקירט אַזוי זיינע נעמען, וויל פאַרבלייבן אַנאָנים — צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים: ער באַשרייבט גאָר־גאָר נאָנטע מענטשן — פרויען וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אָט יענע „פּענסיאָנען" און איינציקע פון זיי זענען צופעליק געבליבן לעבן — דאַרף מען ניט וויסן ווער־וואָס־ווען...

אוודאי קען איך אים פערזענלעך. די כאַראַקטעריסטיק?: ער איז סופּער־איידל, זייד, שטיל — אוודאי געווען אַמאָל א ישיבה־בחור, פון א יחוסדיק־איידעלער היים. און געהאַט וועלטלעכע בילדונג, אפשר גאָר געווען א לערער, מסתמא

און איינציקע פון זיי זענען צופעליק געבליבן לעבן — דארף מען ניט וויסן ווער־וואָס־ווען...

אוודאי קען איך אים פערזענלעך. די כאראקטעריסטיק?: ער איז סופער־אײדל, זייד, שטיל — אוודאי געווען אמאָל א ישיבה־בחור, פון א יחוסדיק־אידעלער היים. און געהאט וועלטלעכע בילדונג, אפשר גאָר געווען א לערער, מסתמא געשריבן העברעאישע שירים (וועגן יידישע — ווייס איך, זענען אפילו געווען געדרוקט).

אוודאי דארף מען דאנקען דעם גורל וואָס אזא איינער איז געבליבן לעבן. זיין בוך איז נישט ווינציקער וויכטיקער און ווערטיקער ווי א גאנצער נירנבערגער פראָצעס — מיט אלע זיינע דאָקומענטן, עדות, פראָטאָקאָלן און ריכטער. „דאָס הויז פון די ליאלקעס" דארף ווערן דער פאראָל, דאָס שרעקוואָרט פאר די דייטשישע מערער.

(זיין ערשט בוך וועגן די לאגערן, דערשינען מיט 8 יאָר צוריק, האָט געהייסן „סאלאמאנדרע"). האָבן מיר אזוי געשמועסט גייענדיק איבער די תל אביבער גאסן. מיר האָבן, פארשטייט זיך, אפילו געשמועסט וועגן ריין־ליטעראַרישע, היימישע ענינים. אפילו וועגן דאָזיקן פאל:

א יונגער שרייבער, וועלכער האָט נאָרוואָס ארויסגעגעבן א מעסיק ביכל מיט דערציילונגען — מאכט מען אים שוין אָוונטן, רעדט מען דורכן ראַדיאָ, שרייבט מען רעצענזיעס אין דער פרעסע — נאָר וועגן קאצעטניקס נישט־לאנג־צוריק דערשינען בוך אויף יידיש — „דאָס הויז פון די ליאלקעס" — איז שאַ־שאַ־שאַ־שטיל אין דער יידיש־פרעסע, אין ראַדיאָ, אין ליטעראַטן־פאריין. אויף דער וועלט איז עס א סענסאציע, ביי אונז האָבן באדארפט פאָרקומען אָוונטן און אָוונטן געווידמעט דעם דאָזיקן מעכטיקן, מוראדיקן ווערק — טאָ פארוואָס איז אזוי שטיל, הא?

מ. ג.

---

* אורי צבי גרינבערג, וועלכער האָט שוין זינט 30 יאָר נישט פארעפנטלעכט זיינס א שאפונג אין יידיש, האָט פארעפנטלעכט אין „היינטיקע נייעס" פון ערב ראש השנה זיינס א פּאָעמע אין יידיש א. נ. „ביי די טויערן פון טרערן און געדענקשאפט". עס זענען 8 קאפיטלען וועלכע פארנעמען א גאנצע זייט. עס האָט ארויסגערופן אויפמערקשאפט צווישן די שרייבער און לייענער.